אים גיך באַגראָבן". צ. ז. רובינשטיין, דער שרעקליכער 1566

קנס=מאל, אדעסא, ז׳ 16.

1936 " דאס משוגעת, חנה, כאַליעס נאך ערגעץ [...] איך טאר

דאך נישט רעדן, [...] נאר ווער דא עמעץ באַגראַבט ווערן?". 1497

ש. הארנטשיק, שטארקע מענטשן, ווארשע, צייט אנט, ז׳ 166.

5. ( פיג ) באליידיקן, דערנידעריקן מיט זידלערייען, שעלטן,

מאכן צו בלאטע.

" וואס אבער לאזט זיך אויס? זי האט אים געראטעוועט,

און ער זי - באַגראָבן..." ממוס, ווינטשפינגערל, 1563

צייט אויסג [illegible] ווארשע,

ז׳ 211.

באמ: כ׳ בין ניט זיכער צי דער ציטאט איז צו דעם באטייט ( זידלען,

שעלטן אדער צי פריערדיקן ( שלעכטס טאן ).

1881 " נאר די טרפה קישקע אנשטאפן ווי עשו [...]; נו -נו,

האט דאס מיר דער טאטע באַגראָבן [...] ". שאצקעס, 1544

דער יודישער פאר פסח, ווארשא, ז׳ 25.

" געקומען אהיים, גיב איך איבער [...] מיין ווייב

[...] אז גאט האט מיר צוגעשיקט אן אורח א דייטש [...].

הייבט זי אָן [...] מיך באַגראָבן". שע, ארעמע און פריילעכע, 1594

I, דער דייטש, צום ארויסב... ז׳ 136.

באַגראָבן זיך -- 1. שטארבן ( געניצט ווי אן אויסדרוק

פון גרויסער חרפה, טיפן ייאוש אא׳).

1883 " בעסער וואלט איך זיך געווען באַגראָבן, איידער אים

פאר א חבר צו האבן". ש. מ. אסטראווסקי, א רייזע אין 1639

עולם התוהו, ווארשא, ז׳ 7.

1956 " און מאמעס האבן דארט, געפירטע צו דעם טויט,

דעם הימל איינגעלייגט, זיך לעבעדיק באַגראָבן". 1642

פמ, מלחמה, I, נ"י, ז׳ 281.

ער זאל זיך אליין באַגראָבן אין דער ערד אזוי טיף,

אז דער קאפ זאל זיך אים ניט ארויסזען". חג, צמח אטלאס. 1647

2. ( פיג ) ברענגען זיך שאליין א גרויסן שאדן, רואינירן

זיך. % זיי האבן זיך באַגראָבן, איינלייגנדיק דאס געלט

אין דער באנק, וואס האט [illegible] געפלאצט.

|| באגראבעניש -- דאס, בא. 1. (ביטול) וועגן באגראבן, מקבר זיין. % ס'איז געווען א באגראבעניש, ניט קיין לייטישע קבורה.

2. ( פיג ) זידלעריי, שעלטעריי, באליידיקונגען, דערניי־דעריקונגען % ער איז שוין געוווינט צו די קללות פון זיין יידענע, צום באגראבעניש יעדן טאג.

3. ( פיג ) בייזוויליקע מעשים מיט דער כוונה עמעצן צו שעדיקן, רויניר.

" אנגעהויבן האט זיך עס מיט פעטש און אויסגעלאזט מיט מסירות און |...| מיט באגראבעניש". שע, קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות, ציט אויסג. 207. 1625

באגראבענערהייט -- אדוו. (פיג) אין א שלעכטן, שפלדיקן מצב, דערנידעריקט.

1936 " איצט וועסטו זיצן אין שטוב באגראבענערהייט". איבז ד. מארשאק, ז. ביאדוליא, דער אנקום, מינסק, ז' 188. 1631

באגרעבעניש -- ----- זבז.

באגרעבער -- ----- זבז.

ווי א באגראבענער *( אויסזען, זיצן, זיין ) -- אין א שלעכטן מצב, דורכגעפאלן, רוינירט.

1896 " אין דער היים אבער איז זי געווען ווי א באגראבענע, האט ניט געטארט אויפהייבן קיין הויך קול און לאכן בוודאי ניט. ח. ד. גילדענבלאט, ניט קיין גלייכע פאאר, ווילנע, ז' 15.

א באגראב -- א) ארייגזאגן אויך א הארבן אופן, אויסזידלען גוט; ב) אפטאן עפעס עמעצן, אנטאן צרות, רויניר. ג) אנברעכן די ביינער; ד) געווינען ( אין ~~קריגבקאבטשפיל~~. קארטנשפיל)

קריגן/כאפן א באגראב -- א) קריגן א גוטע פארציע זידלעריי; ב) ליידן א מפלה, דורכפאל, רוינירט ווערן.

1930 " ער וואלט פון איר געכאפט שוין גאר דעם אמתן באגראב". הר, הרודעס, ל"א, ז' 64. 1488

פועל: באגראבן ניין איילן אין דער ערד, ( וואר: מע זאל(ן) קיין תחית־המתים ניט אויפשטיין) -- גוט אנלערנען, דערלאנגען דעם אמתן פסק, אנטאן יענעם גרויסע צרות, אין גאנצן רויניר.

... " מיר זענען איינין דעם הונט צו פארניכטן, ער מוז באגראבן ווערן ער זאל אפילו קיין תחית=המתים ניט 1615

אויפשטיין. פאן לויזע, דעם קעניגס געשעפטספערזארגער,
בוקארעשט, |יאר?|, ז' 211.

באגראבן און באשטן -- אומגליקלעך מאכן, ארייננזעצן אין
חד=גדיא" |קטון|; 1610

1918 " פאר וואס באשיט מען א חתן אונטער דער חופה? - אז
ער איז באגראבן, זאל ער שוין אויך זיין באשאטן". 1534
יודישע פאלקס=וויצען, געזאמעלט דורך ל. קעסטין,
לאדז, ז' 24.

באגראבן ווערן - (קארטן-לשון) - פארשפילן.
... " ווער איז באגראבן געווארן, און ווער האט 1618
געפאפט דעם טאטער |געווונען|". שע, אלע ווערק 1606
ב' XIII, ז' 74.

די ערשטע האט ער באגראבן, די צווייטע האט ער פארשאטן
און די דריטע וועט ער אין דער ערד האבן — פּוּל 1504
-- אויף א מאן א קטלן, וואס באגראבט" (לעבט איבער)
זיינע ווייבער. |קטון|

מע האט אים באגראבן אין אנטאן. --- מע האט אים צו רעכט
געמאכט, אפגעטאן א שלעכטע זאך" [קטון]. באגראבן 1505
קבורת=חמור - מקבר זיין אויף א דערנידעריקנדיקן
אופן, ניט ווי עס פאסט לויטן יידישן מנהג (משומדים,
זעלבסטמערדער, מוסרים פלעגט מען באגראבן ביים פלויט,
אן די ספעציעלע צערעמאניעס).

דא ליגט דער הונט באגראבן -- אין דעם שטעקט דער סוד,
דאס איז דער תוך פון דעם ענין, די לייזונג פון דעם
פראבלעם.

1888 " נאך מיין מיינונג - ליגט פאר באשטימט דער הונט
באגראבן אין דעם וואס מיר טוען נאך אונדזער זיידן,
אונדזער באבען". מ. חאשקעס, לידער פונעם הערצן, 1548
קראקא, ז' 21.

א דאקטאר באגראבט מער ווי א חברה=שמש -- (שפאסיק)
וועגן שלעכטע דאקטוירים. 1609

ער קען באגראבן -- (בעסאראביע) אויף א גרויסן פרעסער.
[קטון].

1608 געשטארבן, באגראבן - אראפ פונעם מארק -- האלב אין שפאס
וועגן דער פארגענגלעכקייט, נישטיקייט פון מענטשנס לעבן.

געשטארבן, באגראבן, כי לעולם חסדו -- א) דזוו צפון;
ב) וועגן א געשעפט, עסק וואס איז דורכגעפאלן, און
ס'איז שוין קיין שום עצה דערצו נישטא.

געשטארבן, באגראבן, אויף יענער וועלט ווי געפונען [ יישפ,
XXVII - 1, 1967, ז' 20].

כאטש נעם און באגראב זיך! -- זאגט איינער ווען א) ער
קען זיך קיין ארט נישט געפונען פאר בושה, חרפה;
ב) ס'האט געטראפן אזא גרויסע צרה, אומגליק, אז מע
ווינטשט זיך שוין דעם טויט.

באגראבן די אויגן אין דער ערד --- שטארק שעמען זיך,
נישט קאנען קוקן אין פנים אריין עמעצן.

באגראבן זיך פון/ פאר חרפה/ בושה/בזיון /בזיונות.
"[...] זיך שיער ניט באגראבן אין דער ערד פאר בזיון".
1649 ממוס, דאס קליינע מענטשעל, ציט אויסג, מענעלי",
ווארשע, ב' XI. ז' 16.

1928 " א יונג א גבר נעמט און פארליבט זיך אין אזא ~~קלקלה~~
1580 קליין שווארץ ווייבעלע! [...] און איצט די שטאט? כ'בין
דאך שוין באלד א האלב יאר אין בית=מדרש נישט געווען,
כ'באגראב זיך פאר חרפה!". אפא, I, ז' 112.

באגראבן זיך אין א לאך ( אין א ווינקל ) -- וווינען אין
א וויטן ארט, אין א פארווארפענעם העק, פראווינץ.
1873 " עס גלוסט זיך זיי נישט באגראבן צו ווערן ערגעץ
אין א לאך". ממוס, די קליטשע, קאנק: 154360.

שוו: מע קען אומעטום באגראבן ווערן -- מע קען ניט
וויסן פון וואנען א צרה קען קומען, אן אומגליק קאן
געשען אומעטום.

בעסער צו לעבן און ווייניק צו האבן, איידער צו זיין אין
~~גאנצן באגראבן~~
גאנצן באגראבן -- לעבן אין נויט איז אלץ בעסער ווי
דער טויט.

"ואמת מארץ תצמח" -- ווען מען וועט באגראבן דעם שקר, וועט

באג - 62.

"ארויסוואקסן דער אמת" | ציט מ. אונגער, טמז, 3/XII |. 1552

אז מע שטארבט, זאלצט מען ניט איין, מע באגראבט — א געשטאר-בענער קען שוין קיין נוץ ניט ברענגען, להפך צו א זאך וואס ווערט קאנסערווירט.

קיין מת האט זיך אליין ניט באגראבן -- קיינער וויל זיך אליין ניט רוינירן, אומגליקלעך מאכן.

אז מע דארף שוין אנקומען צו לייטנס גאב [ געבונג, נדבה ] כאטש נעם זיך און באגראב -- מע ווינטשט זיך דעם טויט, ווען מע דארף אנקומען צו עמעצן, בעטן א נדבה, גאט זיצט אויבן און באגראבט אונטן.

אז מע באגראבט לעבעדיקערהייט, קען מען קיין תחית=המתים ניט אויפשטיין. -- פאראן אומגליקן, רוען, מפלות אין לעבן, וואס מע קאן שוין ניט העלפן צו זיי, ניט מיגלעך צו פאררירכטן, אנהייבן אויף ס'ניי.

אבי מע נעמט אפ קבורה=געלט, מעג זיך שוין דער מת אליין באגראבן -- ווערטל פון סוחרישן שטייגער, געמיינט אז מע דארף זיך געהיט מיט באצאלן פארויס, ווייל דערנאך קאנען זיין צרות מיט קריגן די סחורה ( קבורה-געלט-די קהילה אדער/ און חברה=קדישא האבן גענומען באצאלט פאר דעם פלאץ אויפן בית=עולם און פאר באגראבן דעם געשטארבענעם).

נאר איין מאל באגראבט מען א מת [ יישפ XXVIII - 2, 1968, ז'58.]
אז מע זאגט געשטארבן, איז באגראבן.

קללות: באגראבן זאל מען דיך ( אים/זיי)! איך וועל אים באגראבן אין דער ערד ווי אן אוצר!
ווי דערלעב איך שוין אים צו באגראבן.

" וועד זשע טאקע באגראבן נייך איילן אין דער ערד און גיי צו אלדי שווארצע יאר!". ממוס, די קליאטשע, קאנק-366990. 1873

נעם דעם קאפ און באגראב אים! -- (איר) צו איינעם וואס האט א גראבן קאפ, איז טעמפ.

זאל איך באגראבן ווערן! - באשווערונג אז מע זאגט אמת.

□ ביגראביך/בגראבן.

1. ------>

|| 1544 " זול איך זיא שטערבן און זול ווערדן ביגראבן.

זוא לוש מיך ליבר גוט בור [= פריער] קינדר טראגן". 1617

שב, פערז 22.

1680 " פון איבריג עסין און טרינקין, מער לייט ווערדין

ביגראבין אלז דיא אין הונגרש שטערבין". אולמא זעליקמן, 1523

דער צוכט שפיגל, פרנפורט [?] ת"מ.

1724 " זיא [די שיכורע הזנים] קאן ניט רידן די צונג

טוט זיא אן קלעבן. // זיא זיין ווערט מן זעלט זיא בגראבן 1545

באי אירן לעבן". יואל חזק, ריח ניחוח, פיורדא, ציט

י. שאצקי, אמעריקאנער פנקס, 1927 - 28, ז' 188.

2. ------>

1679 " [...] אונ' ער ביגרוב זיא [די אוירינגען] אונטר

אייני אייכי דיא נעבן שכם שטונד" בליץ, בראשית, לה -ד. 1527

1746 " [...] אונ ברענג אימש [דעם שוחד] פר בורגנרהייט

אין דער קאמיר אוב ער ניט פון שוחד וועגן די צו 1564

פסקינן ווערט, אונ דיין קיגן טייל ווערט ער באגאבין.

איבז מ. אייזענשטאט, דרך הישר לאבן בוחן.

|| ביגראביר.

1716 " אונ [איזבל] זאלין עשין דיא הונד אין דעם

ערב יזרעאל אונ' עש ווערט ניט זיין איין ביגראביר". 1633

סהם, מלכים 2, ווילהרמרשדארף, דף קיד - ן.

Mhd. begraben. פרגל.

באגראַבעווען -- ------> באַראַבעווען.

באגראַזן -- טרוו. באדעקן מיט גראז, מאכן ס'זאל

וואקסן גראז.

1952 " ערד=ארטעטער פארזייען, באגראַזן, באבלומען [...]

דעם ערדקיילעך". מ. דייטש, מאנדלבראָיט=יידיש, 1660/א

ל"א, ז' 67.

1955 " באגראַזט און באזאנגט אלע שטיינער." [...]. הל.

א בלאט אויף אן עפלבוים, ב"א, ז' 337. 1660

1968 " די אייבערפלאך - באגראַזט, צעגרינט, געקווייטלט".

ייש, לידער און פאעמען, ת"א, ז' 96. 1661

באַגראָזן זיך -- אוטור. באדעקן זיך מיט גראָז, אויסוואַ-

קסן גראָז.

1917 " די פעלדער זיך באַגראָזן גענומען". מ. טייטש, שריפטן.

ז' 40.

1943 " און ווי עס שפילט - באַגראָזן זיך/די אפגעברענטע

בייטן". סוצ, פוו, I, ת"א, ז' 304. 1665

ב אַ ג ר אַ מ ע ן -- טרוו. אויסשטעלן אין גראמען, מאכן גראמען.

1876 " איר ווייסט דאך, אז א לשון=קודש=ספר איז היינט

ווי אן ארעמע חתן=כלה אין פוילן: ווען דער מארשעליק 1868

זאל זיי ניט, וועט דער עולם קיין דרשה=געשאנק ניט

געבן". ייל, דער פריטשפע, העפט I, אדעס, ז' 4.

1948 " די גרויזאמע ווירקלעכקייט שלעפט נישט זיין |סוצקעווער|

דיכטונג צו דער ערד( זי איז נישט קיין באַגראַמטע

שטיקל ווירקלעכקייט, נאר זי לאזט איר 1667

פריי פליען". י. ראפאפארט, טראפנס גלויבן, מעלבורן,

ז' 21.

ב אַ ג ר אַ נ ד ע -- ----> בגראַנדע.

ב אַ ג ר ו ב -- דער, =ן. ( לאקל, סאניק, גאליציע)

„ביטולדיק וועגן א דארפישער, גויישער חתונה, ווייל

זעלטן פלעגט טרעפן, אז אויף אזא חתונה זאל ניט זיין 1672

קיין קרבן פון א געשלעג". [קטוו] %„ס'טוט זיך דארטן

ווי אויף א דארפישן באַגרוב". [קטוו].

באמ: ווי לייענען: „באַגריב? אפשר פון „באַגראַב ?

ב אַ ג ר ו י ט -- אדי. וואס איז גרוי געווארן, א ביסל שוין

גרוי.

1937 " פון אונטער דעם הוט האט ארויסגעקוקט א באַגרויטער

שלייף". א. קאהאן, דאס גילדענע געסל, זש' פארמעסט, 1676

נ' 3, קיעוו, ז' 44.

1949 " אראפגענומען דעם הוט פון זיין באַגרויטן קאפ".

ש. אש, ווארשע, נ"י, ז' 49. 1673

באגרײַפלעך -- אדי/אדוו. וואס לאזט זיך, איז גרינג
צו באנעמען, צו פארשטײן. % באגרײַפלעכער ענין.
באגרײַפלעכע דערקלערונגען.

1926 " דער אומגעהײַער, קוים באגרײַפלעך [crossed out]
גרויסער שכל איז ביי [דורך] דער נאטור אויך באגרענעצט". 1687
ב. גריק, פילאזאפישע גאטהייט, נ"י, ז' 11.

1954 " ס'איז מיר ניט באגרײַפלעך [crossed out] עד היום, וואס
מ'האט דאך די 70 אריער דערשאסן, און אונדז, 14 יידן 1690
האט מען צוריקגעשיקט אין תפיסה". ח. סאבאל, יזב כעלם,
יאהאנעסבורג, ז' 623.

באגרײַפלעכקייט -- די, בא. די אייגנשאפט צו זײַן פארשטענדלעך.
ניט אלע וויסנשאפטלערס צייכענען זיך אויס מיט גענוג
באגרײַפלעכקייט אין זייערע ווערק. 1691

Mno: begüflich פיגל.

באגרײַפן -- טרוו, פאר באגריפן. 1. באנעמען, פארשטײן;
משיג זײַן. % באגרײַפן מיטן שכל / פארשטאנד. דעם ענין
איז גרינג צו באגרײַפן. ס'איז ביז איצט ניט צו באגרײַפן
דאס לעבן פון די יידן אין די געטאס. דער ארעסטירטער
האט קוים באגריפן וואס מע וויל פון אים בעת דער אויס-
פארשונג.

1866 " איבערגעטריבענע קעפ זענען אויך דא ביי אנדערע פעלקער,
זיי קלערן [...] ניט נאך, ווי ווייט דער שכל באגרײַפט, 1781
נאר ווילן אלץ אריבער [...]" קמ, נ' 46, ז' 705.

1915 " העניע האט באגריפן, אז זי האט א ביסל איבערגעכאפט
די מאס". אר, מיידלישע יארן, ציט [crossed out] ,"אלע 1750
ווערק, ב' XI, נ"י 1930, ז' 237.

1951 "[יידיש] שפיגלט אפ אין זײַן ליטעראטור די נשמה
פון דער יידישער מאסע [...], לערנט בעסער צו פארשטײן 1786
און באגרײַפן אונדזער אייגן פאלק". שנ, זב ליטע!,
נ"י, ז' 1057.

2. (ארכ) אננעמען, אנרירן עפעס/עמעצן, (אנ)האלטן זיך
אין עפעס.

1843 [crossed out] "דער דא קאנ אומגיין מיט איינר שווערד דער
זאל שווערד בגרייפן". אהרן מטריבש, ס' מצח אהרן,
ווארשא, דף יז -ב/!.

1864 " געדענק ווען אברהם אבינו האט זײַן לינקע האנט
באגריפן אך דעם האלדז פון יצחק און מיט זײַן רעכטער 1713
האנט נעמט ער דאס שעכטמעסער [...]". שרה בת טובים,
תחנה שלשה שערים. ווילנא.

" ס׳איז מיר ניט באגרייפלעך עד היום, וואס 1954

מ׳האט דאָן די 70 אריער דערשאסן, און אונדז, 14 יידן 1690

האט מען צוריקגעשיקט אין תפיסה". ח. סאבאל, יזב כעלם,

יאהאנעסבורג, ז׳ 623.

באגרייפלעכקייט -- די, בא. די אייגנשאפט צו זיין פארשטענדלעך.

ניט אלע וויסנשאפטלערס צייכענען זיך אויס מיט גענוג

באגרייפלעכקייט אין זייערע ווערק. 1691

באַגרײַפֿן -- טרוו, פֿאַר באגריפן. 1. באנעמען, פארשטיין;

משׂיג זיין. % באגרייפן מיטן שכל / פארשטאנד. דעם עניין

איז גרינג צו באגרייפן. ס׳איז ביז איצט ניט צו באגרייפן

דאס לעבן פון די יידן אין די געטאס. דער ארעסטירטער

האט קוים באגריפן וואס מע וויל פון אים בעת דער אויס-

פארשונג.

" איבערגעטריבענע קעפ זענען אויך דא ביי אנדערע פעלקער,

זיי קלערן [...] ניט נאך, ווי ווייט דער שכל באגרייפט, 1781

נאר ווילן אלץ אריבער [...]" קמ, ג׳ 46, ז׳ 705.

" העניע האט באגריפן, אז זי האט א ביסל איבערגעכאפט 1915

די מאס". אר, מיידלישע יארן, ציט "אלע 1750

ווערק, ב׳ XI, נ"י 1930, ז׳ 237.

" [יידיש] שפיגלט אפ אין זיין ליטעראטור די נשמה 1951

פון דער יידישער מאסע [...], לערנט בעסער צו פארשטיין 1786

און באגרייפן אונדזער אייגן פאלק". שנ, זב ליטע!,

נ"י, ז׳ 1057.

2. (ארב) אננעמען, אנרירן עפעס/עמעצן, (אנ)האלטן זיך

אין עפעס.

1843 " דער דא קאן אומגיין מיט איינר שווערד דער

זאל שווערד בגרייפן". אהרן מטריבש, ס׳ מצה אהרן,

ווארשא, דף יז -ב/!.

" געדענק ווען אברהם אבינו האט זיין לינקע האנט 1864

באגריפן אן דעם האלדז פון יצחק און מיט זיין רעכטער 1713

האנט נעמט ער דאס שעכטמעסער [...]". שרה בת טובים,

תחנה שלשה שערים, ווילנא.

באַר -- אדי | מארק ווב |1887 <------ באגרייפלעך.

באגרייפונג -- די, =ען. (ארב) באגריף.

" דער מענש זאל ליבר זאגין מיין שרייאן און מיינן 1805

קלאגין איז איבר דיא צייט די דא אן מיר זעלבין 1682

פעלשט דען ווען איך זעה דש איך בין אין איין פאלשי

בגרייפונג ווארין בגריפין. איבז א. פאוויר, בחינות

באג - 66.

עולם, זאלקווא, תקס"ה, דף לה - 2.

בּאגרייפער (=ין, =קע) -- דער/ די וואס באגרייפט, פארשטייט.

1806 " איך טויט בין איך באגרייפער און פארשטייער. 1854

אפא/ שקיעה.

0 באגרייף=פעיק -- אדי/אדוו. סטוטש 308 וואס איז

פעיק צו פארשטיין, באגרייפן.

ם ביגרייפין/בגריפן/באגרייפן.

1610 " דאז ביסטייט דאז ער [משה] האט ביגריפן דיא

1767 אומנות פון דיא שלאנג". טח-רשי, שמות, ד - ג.

1739 " גשפרעך פון איינר זאך דיא ניט צו בגרייפין איזט,

1782 ווערט נור פר איינר נארהייט גיהאלטין". ס' מבחר

הפנינים, הומבורג, תצ"ט, ח - I.

2. ←------2

1544 " ער ביגרייף אין בייא דען בארט [=באָרד] אז אוב

1720 ער איך צו קושן ביגערט". שב, סטראפע 1642.

1508? " ויחזק -- איז ער בגרייף, ל' אחיזה". ריבליך, 8,

1712 שאואל א' טו - כז.

1686 " דא קאם נון דעם עלצטן ברודה דער צארן // ער ביגרייף

דען איזל בייא זיין אורן". ס' משלים, פפד"מ,

תמ"ז דף טו - I.

66/a

1716 " און׳ די ליים פון גלעד ביגריפן זי און׳ שעכטיטן די פון [ אפרים ] צו דער איבר פור ". 1721
סהמ, שופטים יב, 4 - 5, ווילהרמרשדארף, דף ל - II.

3. ארומנעמען מיט עפעס, באדעקן.

1625 " גוט מכט בגרייפן מיט ווענט ( פנה כסה ) דאש פנים פון שטול דהיינו גוט האט דיא פינצטערנס הרום גימאכט אז וועגד ". סהמ, איוב, כו - ט, י, לובלין, שפ"ו. 1692

4. ביקומען כולל זיין אין זיך.

1698 " דער רב [...] האט אך מחבר גיוועזין דז ספר תקפו כהן דז ביגרייפט אלי דיא דינים |...|". 1769
אבן שלמה זלמן הענא, דוד גאנז, תקפו כהן, פפד"מ, תנ"ח, דף ל"ו - 2.

1743 " ( ואהבת לרעך כמוך ) זאגן אונזרי חכמים דז דר

פסוק בגרייפט כל התורה". קב הישר, פיורדא, דף ת - צ. 1779

5. ( פיג ) וועגן א געפיל, קראנקהייט) אנגרייפן, אנכאפן, באהערשן.

1746 " עס פלעגט איינר פריש אוקן גזונד איבר נעכטיגן

און אי | איידער | דר מארגנש קומט בגרייפט אים 1773

איין היץ דש ער דיא זעלביג נאכט שטארבן מוז".

איבן מ. אייזענשטאט, דרך הישר לאבן בוחן.

6. ( פיג ) בארירן אן ענין, טעמע.

1703 " דרום וויל איך דיא הויפט שטיק ארויש קלויבן אונ׳

קירצליך בגרייפין [...] אונ׳ דאז איבריג לאזין בלייבין". 1738

כ"י מגלת איבה ( אקספארד ), ציט מ. עריק, געשיכטע

[...], ווילנע, ז׳ 191.

באמ: ביי עריקן ( ווארשע 1928) ניט געפונען די ציטאטע.
אויב אזוי - פון וואנען די ביבליאגראפיע דא?

ם ביגרייפר -- אנהאלטער, אונטערשטיצער.

1610 " ניט איך איין פירער צו איר פון אל דען קינדרן

דיא זיא האט גיבורן אונ׳ ניט איז איין ביגרייפר 1807

אן איר האנט פון אלן קינדרן דיא זיא האט דער צוגן".

טח, ישעיה נא - יח.

באגרינדונג -- די, =ען. 1. אקט/ רעזולטאט פון
באגרינדן. % די באגרינדונג פון געזעץ=פראיעקט האט
געדויערט ניט לאנג.

1934 " דאס [...] שטייט גאר איך גאנצן אויסער די גרענעצן

פון לאגישער באגרינדונג". ש. צ. זעצער, וויכטיגע 1811

גרונד פריצציפן [...], נ"י, ז׳ 80.

1972 " די דריטע רעלאציע וועגן בישאף איז שוין א דירעקטע

באגרינדונג פון דער האנדלונג". ח. שמערוק, גק, נ׳ 77. 1814

2. ארגומענט, גרונד, באזע, מאטיוואציע. % דער רעדנער
האט אנגעגעבן וואגיקע באגרינדונגען פאר זיין פארשלאג.

1968 " די באגרינדונג [ פון פוילישן מאגיסטראט ] פארן

צעשטערן די פראכטפולע פרישע יידישע הייזער [...] האט 1813

ער אנגעגעבן [...] אז זיי ווילן פארברייטערן די

באַג - 68.

גאסן". ב. ארענשטיין, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 836.

" [...] האט האַמאַן געהייסן [...] די יידן צונויפקלייבן 1970

א קאנטריבוציע [...] מיט דער באַגרינדונג, אז די לעצטע 1812

קאנטריבוציע [...] דעקט נישט די הוצאות פון דער

'אויסזידלונג'". רעד' ר. מאהלער, יזב סאנץ, ת"א,

ז' 789.

באַגרינדלעך -- אדי/אדוו. וואס לאזט זיך באַגרינדן,

האט א באזע, וואס איז מיגלעך צו באווייזן, מאטיווירן.

% באַגרינדלעכע מיינונגען. אלץ וואס ער זאגט איז

באַגרינדלעך ... ער האט גוטע ארגומענטן.

באַגרינדלעכקייט -- די, בא.

1909 " מיר באדארפן ערקלערן און אויפווייזן אונדזערע

קינדער די גאנצע פאלשקייט און ניט=באַגרינדלעכקייט 1817

פון אלע [...] היינטיקע טעאריעס, ווי 'נאציאנאליזם'

אן גאט, יידישקייט אן תורה ומצוות'". ש. היילפערן,

רעליגיע און וויסנשאפט, ווארשא, ז' 16.

באַגרינדן -- טרוו. פאר באַגרינד(ע)ט. 1. מאטיווירן,

באזירן, אנגעבן ארגומענטן, באווייזן. % באַגרינדן

א טעאריע. ער קאן באַגרינדן זיין מיינונג מיט קאנקרעטע

פאקטן און ציפערן. זיינע אויספירן זיינען באַגרינדעט

אויף גענויע סטאטיסטישע פארשונגען.

1894 " אין דעם בוך [איז] געגעבן אן איבערבליק איבער די

געדאנקען, וועלכע זיינען אויספירלעך באוויזן און

באַגרינדעט געווארן אין די ביכער, וועלכע האבן געלייגט 1827

דעם פונדאמענט פון די [דער] סאציאלדעמאקראטיע".

ב. פייגענבוים, דער סאציאליזמוס פון א' ביז ת', נ"י.

1919 " ווערט אבער מיין נאציאנאליזם באַגרינדעט אויף מיין

שפראך [...], איז יעמאלט באגרענעץ איך ניט קיינעמס 1825

געדאנקען=פרייהייט". זשיט, שריפטן VIII, נ"י, ז' 227.

1957 " דער מעזריטשער [...] האט מיט דרוש גארנישט צו טאן.

ער איז אויסן דער עיקר דעם בעש"טס אידעען צו באַגרינדן". 1820

ה. צייטלין, אַריינפיר אין חסידות [...], ציט אויסג,

נ"י, ז' 61.

2. גרינדן, שאַפן, אויפשטעלן.

1930 " ער | ד"ר זשאַנאַ | האָט דאָ [ איך לעמבערג ] באַגרינדעט

אַן אייגענע היים". י. שיפּער, זש טאַז נ' 3 - 4, וואַרשע.

1. דער וואָס אַרגומענטירט, גיט אַן (עַ= , ין= ) עַר =||

די מאָטיוון, באַזעס.

1928 " זיינע חברים שרייבער, |...| די באַגרינדער פון

יידישיזם". אַפּאַ, גוו, !!!, ווילנע, ז' 238. 1836

1937 " [ ספעקטאַר איז ] געווען סיי פּראַקטישער מנהיג, סיי

טעאָרעטישער באַגרינדער. זיין וואָרט איז געווען 1834

אַנטשיידנדיק". אלחנן צייטלין, ...,

... אין אַ ליטעראַרישער שטוב", ... ציט

אַנט, ז' 497.

2. גרינדער, אָנהייבער.

194[6]. " [...] נאָך דעם געבוירן=טאָג פון דעם באַגרינדער

פון דער קריסטלעכער אמונה |...|" אש, ברענענדיקער 1837

דאָרן, נ"י, ז' 86.

1951 " דער באַגרינדער פון דער מוסר=באַוועגונג, ר' ישראל

סאַלאַנטער [...] האָט פאַרבראַכט די גרעסטע טייל פון זיין 1838

לעבן אין ליטע". א. מענעס, זב ליטע !, ז' 515.

באַגרינען -- טרוו. באַדעקן מיט גרינס, מאַכן ...

...

" געלאָזט דאָס יונגע גרעזעלע זאָל זיך שפּראָצן, ציען 1904

צו דער וואָרעמער זון און באַגרינען און באַשיינען גאָטס 1852

וועלט". שע, אַלע ווערק, ב' VII, ז' 189, ... נ"י, 1944.

===דיגַבאַ===+++

1915 " און אין סך און פּריש באַגרינטן // פון די שמעקעדיקע

סאָסנעס // זינגען ציטערדיקע ווינטן". ... ל. ניידוס, 1843

ליריק, יעקאַטערינאָסלאַוו, ז' 128.

" דער כּרמל שטייט באַטויט, באַגרינט ... און 1952

קלאָר". אַפּאַ, ווייסע=שטאָט, נ"י,

===דגנ===++

באַגרינונג -- די, באַ. 1. אויפשפּראָץ פון געוויקס, גרינס.
% ס'איז שוין פרילינג, אין פולן ברען איז די באַגרינונג
פון די לאַנקעס.

2. (פיג) אויפלעבונג, אפפרישונג.

1963 " געבן זיך אונטער דעם יידישן ווילן צו לעבן, צו
1840 פּרוכפּערונג, צו באַנייונג, צו באַגרינונג". אַלט טמז, V/24.

באַגריס -- דער, =ן. באַגריסונג.

באַגריסונג -- די, =ען, פפּ (זן) באַגריס. 1. ווערטער, זשעסטן אָדער אַנדערע פאָרמע פון באַגעגענען אַ באַקאַנטן, פון מקבל=פּנים זיין עמעצן. העפלעכע באַגריסונג. קאַלטע / וואַרעמע באַגריסונג. צערעמאָניאַלע באַגריסונג.

1928 " פּעליע האָט דעם סטודענט סטאַש פריילעך געענטפערט
1861 אויף זיין באַגריסונג". ספּ. סודות, וואַרשע, ז' 27.
1957 " מיר וועלן בענטשן יעדן טרונק וואַסער // און אויפנעמען
1854 [...] דעם באַגריס פון אַ טייערן פויגל". יג, זש' איך, X/11.

2. אויסדרוק פון פרייד, פריינדשאַפט צוליב עמעצנס אַ שמחה, לכּבֿוד אַ יום=טובֿ אאַ. % צו דער חתונה זיינען אָנגעקומען אַ סך באַגריסונגען פון קרובים און פריינד.

1966 " מיר דאַכט, כ'האָב קיין מאָל [...] באַגריסונגען אַזוי
1858 פיל ניט געשיקט צו מענטשן". האַל, מיין אויצר, מאָסקווע, ז' 135.

0 באַגריס(ונג) = וואָרט - דאָס, מצ ~ ווערטער. % מיט אַ באַגריסונג=וואָרט לכּבֿוד דעם געהויבענעם גאַסט איז אַרויסגעטראָטן דער פאָרזיצער.

◻ בגריזונג.

... " זאַלוטציאָן | סאַלוטאַציאָן | בגריזונג". י. מאַרשן,
1860 חנוך לנער, פיורדא, תקל"ד, ז' כב - II.

באַגריסן -- טרוו. 1. אויסדריקן מיט ווערטער, זשעסטן אַ"אַ אָנגענומענע פאָרמעס די באַציונג פון באַקאַנטשאַפט,

העפלעכקייט, פריינדלעכקייט ביים באגעגענען עמעצן.

% באגריסן העפלעך. ער באגריסט אים מיט א שאקל מיטן

קאפ. ער האט זיך באגריסט מיט א ברייטן שלום=עליכם.

1830 " [...] מע קאן זיך אזוי וויגן אויף דער וועראנדע

[...] באגריסנדיק די שכנים". דא, פון בערלין |...|, 1817

ווארשע, ז' 25.

2. ארויסווייזן פרייד, פריינדשאפט אדער כבוד ביים

מקבל=פנים זיין עמעצן, צוליב עמעצנס א שמחה אע.

% מיר באגריסן אייך צום געבורט פון אייער אייניקל.

דעם פרעזידענט האט מען באגריסט מיט הילכיקע אפלאדיס-

מענטן.

... " אפזאגנדיק דעם געזינד " גוט שבת" לעבעדיק, פריילעך,

נעמט זיך סענדערל באגריסן די געסט, די הייליקע מלאכים". 1877

ממוס, שבת, [illegible] ז' 9.

1938 " [...] ער האט נישט געוואלט באגריסן מ. ל. ליליענבלומען

צו זיין ליטערארישן יובל[illegible] [מחבר?], ר' שמואל 1874

מאהילעווער, ווארשא, ז' 34.

3. אויסדריקן צופרידנקייט, מיט שטימונג, גוטגינציקייט

צוליב עפעס אן אויפטו, געשעעניש אע.% דער עולם האט

באגריסט די איניציאטיוו צו באערן דעם שרייבער.

1906 " עס איז נייטיק [...] צו באגריסן א יידן, וועלכער

שערט זיך אפ די בארד, טראגט א קורצן ראק, גיט זיך 1896

די מי צו רייבן רוסיש. [illegible] איבן ב. ס' ד. געפשטיין,

וועגן די בעלי=טובות פון יודישן פראלעטאריאט, ס.פעטערבורג

ז' 13.

1951 " די נייע תקופה - די 'פרייהייטס=תקופה', [...]

איז ווארעם באגריסט געווארן פון די יידן אין צפון=

מערב=פראווינץ". מ. ווישניצער, זב ליטע I, נ"י, ז' 84. 1870

באגריסן זיך -- קזוו. באגריסן איינער דעם אנדערן קעגנ-

זייטיק. % באגריסן זיך מיט געבן די הענט. זיי

האבן זיך באגריסט יעדן טאג טרעפנדיק זיך ביים גייך

צו דער ארבעט.

1956 " [...] עס איז געווען א יישוב=הדעת מיט וואסער צייכן
1886 ארדנערס [ אין ווארשעווער געטא ] זאלן זיך באגריסן".
בלום, יישפ XVI - 4.

מע באגריסט נאך די קליידער, מע באלייט נאך דעם שכל.
דער ערשטער אפשאץ פון א מענטשן איז לויט זיין אויס-
ערלעכן אויסזען, ערשט שפעטער דערקענט מען דעם מענטשן
וואס ער איז ווערט אין תוך, לויט זיינע אינעווייניקסטע
מעלות, ווי קלוגשאפט אאַ.

ם ביגרישין/בגריסן

1602 " |...| ווער וויל זיך נון דיינר דר ברמן ירושלים
1884 אונ׳ווערט זיך ור וואגלן פון דער שטרוס דער דיך
ביגרישן וויל |...|". שעריר, טו - ה, פראג.
1743 " |...| דר ר׳ חסדאי האַט דען ( מלך ) הכוזר בגריסט
1882 נאך דען (כבוד) נאך דש זוא איין (מלך) קומט". שאר,
לג.

באַגרי́ע -- נב, קומט אין א קללה:
זאל ער פליען קיין באגריע [ סטוטש 559, אין דער גרופע
שפאסיקע קללות].

באַגרי́ף -- דער, =ן. 1. איינער פון די גרונטיקע
באשטאנדטיילן אין פראצעס פון דענקען; די געדאנקלעכע
אפשפיגלונג פון א זאך אדער דערשיינונג אין זייערע
מהותדיקע אייגנשאפטן; קאנצעפציע. % % פילאזאפישע,
מאראלישע, פיזישע באגריפן. גרויס און קליין זיינען
רעלאטיוו, ~~ס ווענדט זיך אין דער מאס פון פארגלייך~~.
1917 " פאר דעם מעטאפיזיקער [...] זיינען די זאכן און
1924 זייערע אפשטעמפלונגען אין געדאנק - די באגריפן -
פונאנדערגעשיידטע, פעסטע, אומבאוועגלעכע". זשיט, שריפטן
VII, נ"י, ז׳ 99.
1959 " [...] באגריף=געווארענע, ווי אייביקייט און ליבע".
1947 בראד, גש, ....ז׳ 126.

1959 "זי האט עס געוואלט פארשן, וויסן, פארשטיין, נישט
אפפטרן עס מיט אזעלכע אלגעמיינע השכלה= באגריפן 1903
ווי׳ליכט׳ און ׳פינצטערניש׳". שנ, קריטיק און קריטיקער,
ב"א, ז׳ 368.

2. פארשטעלונג וועגן א זאך/דערשיינונג, דאס וויסן עפעס,
מיינונג וועגן עפעס/עמעצן. % גענויער, קלארער באגריף.
קנאפער, פאלשער, נעפלדיקער באגריף. פון זיין רייזע=באש-
רייבונג באקומען מיר א באגריף וועגן דעם לאנד און זיינע
איינוווינער.

1883 " די קינדער, וואס וועלן פון אייך ארויסקומען, וועלן
פרום זיין און וועלן האבן א גרויסן באגריף אין אלהות". 1931
נופת צופים II אויף חומש, ווילנא, ז׳ 42 - I.

1925 " נאך וויכטיקער איז דאס ארומשמעקן, [...] דער ריח
גיט דאס רוב א ריכטיקן באגריף, צי די שפייז איז א 1908
גוטע צי ניט". צ. שאבאד, די זעלבסטשוץ פון מענשליכן
ארגאניזם, ווארשע, ז׳ 56.

1940 " טראגן מיר ניט אריבער אונדזערע אייגענע באגריפן,
[...] פון אנטיסעמיטיזם אין דעם נייצענטן יאר- 1900
הונדערט אויף די פריערדיקע דורות?"; קאר, שריפטן II,
נ"י, ז׳ 11.

באגריפיק

[illegible] -- אדי. (רשנש) / געדאנקלעך, קאנצעפטועל; באגריפלעך

1973 " זי שטעלט זיך אויפן זעלבן באגריפיקן פלאן ווי די
קעגנערס פון יידיש=דאוונער. מווג, נ"י, ז׳ 269. 1958
... "זאלסט דיר ניט מאכן [...] קיין גאט וואס מע קאן
תופס זיין אין באגריפיקן געשטאלט". א. י. העשל, 1952
קאדק I, ז׳ 202.

באגריפלעך -- אדז. דזוו דפוו.

1958 " נייע געדאנקען ווערן בלויז זעלטן געבוירן סיי
אין דער באגריפלעכער און סיי אין דער לירישער וועלט 1954
פון מחשבה". ש. ביקל, שרייבער פון מיין דור, נ"י, ז׳ 146.

1968 " אז מע פארפעפערט א זייטל יידיש מיט צו פיל באגריפלעכע
פלאווישע ווערטער, וויל זיך דער שרייבער איינברעננגען 1959
אך אייגענעם טראכט צו טאך". יג, טמז, III/31.

באַגריפלעכקייט -- די, בא. געדאנקלעכקייט.

1958 " [...] קאראלניקס ווערטער זענען ניט געווען איבער-
געלאדן מיט סאלידער און הערמעטיש געשלאסענער באַגריַ-
פלעכקייט". ש. ביקל, שרייבער פון מיין דור, נ"י, ז' 205.

באַגריפקייט -- די, דזוו דפוו.

1947 " יידיש איז געווארן א נייער תרגום=לשון, וואס האט
1966 איבערזעצט און פארוועלטלעכט אונדזער ביבלישע
באגריפקייט". יג, זש' שריפטן, נ' יוני-יולי, ב"א, ז' 41.

0 באגריפ=פארקייטלונג -- די, =ען, באגריפן=קייטל(ער).
אסאציאציעס, פארבינדונג פון באגריפן אין פראצעס
פון דענקען.

1912 " וואס ווייטער זיי [די באגריפן] שטייען אפ איינער
פון דעם אנדערן, אלץ מער באגריפן=קייטלעך קאן מען
אויסטראכטן צו פארבינדן זיי". זשיט, שריפטן III,
נ"י, ז' 57.

... באגריפן=פארקייטלונג, ד"ה, ווען מיר פארבינדן צוויי
1948 באגריפן". ל. לעהרער, ייבל XXII, 135מ....

באגריף=צייכן -- דער, =ס. סימן, סימבאל פאר א געוויסן
באגריף.

1963 " כינעזישע אותיות זענען באגריף=צייכנס, אידעאגראפישע
1950 אותיות". י. וואלאך, טמז, VI/23.

[7 האבן/קריגן א שטיקל באגריף -- (שש) האבן/באקומען
א בערכדיקע ידיעה, אינפארמאציע וועגן עפעס.

ניט האבן (דעם מינדסטן) באגריף -- ניט וויסן גארניט, ניט האבן קיין
פארשטעלונג וועגן עפעס.

1971 " געגנוי וואס דאס [די פארהיטונגס=מיטלען] איז [...]
1964 האב איך נישט געהאט קיין באגריף". באש, פאר, IV/26.

געבן א באגריף -- אינפארמירן וועגן (באקענען מיט) עפעס
און אלגעמיינע שטריכן.

1951 " כדי צו געבן א באגריף וועגן דעם גרויסן פארנעם
1901 פון דעם גאונס שריפטלעכע ביטראגן [...]". ל. גינצבורג,
זב ליטע I, ז' 532.

פּאַליטיש איבער [דעם] באגריף -- אוממיגלעך צו באנעמען, שטייגט
איבער די יכולת צו פארשטיין.

1943 " דאס איז איבער אירע באגריפן וועגן א בעסערן
1937 מענטשן, נאך א דאקטאר דערצו". ייז, משפחה קארנאווסקי,
נ"י, ז' 93.

נ"י, ז' 93.

ם בגריף

1. ←------

1739 " עס קען דעם מענטשן ניקס נוצליכר זיין אלש ווען ער
זיינה מעלה אונ' דעם בגריף זייניס פר שטאנדס זעלבשטין 1944
ווייס מיט חכמה". ס' מבחר הפנינים, הומבורג, תצ"ט, ז' ג-!!

2. ←------

1722 "דען איך האב אלי $$$$ זאכין אין איין גרינגן בגריף
גבראכט דש עס איטליכר ווערט רעכט פר שטין קענן". איבז
מ.פראנקפורט,מנורת המאור,אמשטרדם,דף ב-א.

1766 " |...| איז אבר אויך היכשט נוטיג דאש מאן זיא איין
רעכטן וועג ווייסט אום פולקומליכן בגריף צו בקומן 1945
פון דערא געטליכי מוסיק". אבן ישראל, מיץ, ט - 1.

Mhd. begrif.

באגרעבעניש — דאס / די, =ן. ( עלט?) אקט פון
באגראבן, באערדיקן א געשטארבענעם; קבורה.

1870 " האט ער געהייסן די מאטראסן זאלן צוגרייטן וואס
מען ברויכט צו אזא באגרעבעניש | טעקסט: באגרעבענעס|, 1622
די שרעקלעכע באגרעבעניש מיט וועלכע עס ווערן באגראבן
אלע טויטע פון די מער [ים] =רייזעס". איבז ג.ג.ב.ס.ה
א קלעזמער פון קרעמענטשוג, קאמער מיט דער פרינצעסים
אריסעיניע, ווילנא.

1970 " צו מארגנס |...| איז פארגעקומען די באגרעבעניש,
פון די צענדליקער קרבנות פון דער"בארטאלאמיי=נאכט" 1974

וויס מיט חכמה". ס' מבחר הפנינים, הומבורג, תצ"ט, ז' ג-II

.2 ←------

1722 "דען איך האב אלי $$$$ זאכין אין איין גרינגן בגריף
גבראכט דש עש איטליכר ווערט רעכט פר שטין קענן". איבן
מ. פרנקפורט, מנורת המאור, אמשטרדם, דף ב-א.

1766 " |...| איז אבר אויך היכשט נוטיג דאש מאן זיא איין
רעכטן וועג ווייסט אום פולקומליכן בגריף צו בקומן 1945
פון דערא געטליכי מוסיק". אבן ישראל, מיץ, ט - 1.

Mhd. begrif. בְּגְרִף

באגרעבעניש -- דאס / די, =ן. ( עלט?) אקט פון
באגראבן, באערדיקן א געשטארבענעם; קבורה.

1870 " האט ער געהייסן די מאטראסן זאלן צוגרייטן וואס
מען ברויכט צו אזא באגרעבעניש | טעקסט: באגרעבענעס|, 1622
די שרעקלעכע באגרעבעניש מיט וועלכע עס ווערן באגראבן
אלע טויטע פון די מער [ים] =רייזעס". איבן ג.ג.ב.ש.ה.
|א קלעזמער פון קרעמענטשוג|, קאמער מיט דער פרינצעסים  אוּבּל
אריסעיניע, ווילנא.

1970 " צו מארגנס |...| איז פארגעקומען די באגרעבעניש,
פון די צענדליקער קרבנות פון דער'בארטאלאמיי=נאכט' 1974
אין געטא". יזב ס' סאנץ, ת"א, ז' 782.

(1626) .2/ קבר, ארט פון באגראבן.

1872 " און יעקב זאגט, דו זאלסט מיך באגראבן אין אירע
באגרעבעניש ווו מיינע עלטערן זיינען". צו"ר, תרל"ב, 1971
פרשת ויחי.

.3 ( שש, ביטול ) א ניט=יידישער בית=עלמין.

1821" |...| בעגראבט איהם אין זיין גארטען, וויל דיא
געצענדינער קיינען ליידען אויף איהר בעגרעבעניס 1627/א
דער ניכט איהרע רעליגיאן האט ". היסטאריע פאן
דער ליבע דעס פרינצען [..], מיץ, תקפ"א, ז' 28.

..........................................................
(באמ: אפשר ניט נייטיק די ציטאטע - ס'איז פור דייטש...)
..........................................................

1871 " די גאס איז געבן דער דייטשער באגרעבעניש |טעקסט:
באגרעבניס|". |יעקב פסנתר?|, ס'דברי הימים, לארצות 1627
רומעניע, יאסי, ז' 63.

.4 (שש, ביטול ) ניט= יידישע לויה. % צום באגרעבעניש
פון בישאף זיינען געקומען אסך גלחים.

1972 " צום באגרעבעניש זענען זיך אנגעפארן פריצים פון 1979

ווייט ארום". באש, פאר, 10/XI.

5. ( פיג ) צרה, אומגליק, מפלה, שלעכטער סוף.

[אנהייב XIX יה] " זעט איר, דאס יוצא זייך איז אונדזער גאנץ

באגרעבעניש". גענארטע וועלט, סאוו' אויסג, 1940, ז' 71. 1977

1962 " אויב איר וועט אננעמען און מקיים זיין די תורה, איז

גוט; אויב נישט - וועט דארט, אין גלות זיין (ר"ל) 1973

אייער באגרעבעניש". ד. איידלסבערג, טמז, 8/VI.

6. ( פיג, פּעיא ) באשעפעניש, בריאה. % אזא באגרעבעניש,

א פיצלס, נאך פון דער ערד נישט אויפגעוואקסן און 1978

שפרינגט אזוי אין די אויגן". |קטוו|.

0 באגרעבעניש=ארט -- דאס, = ~ ערטער; באגרעבעניש=פלאץ

- דער, = ~ פלעצער; באגרעבעניש=צענטער -- דער,

= ס. ארט פון באגראבן מענטשן אדער בעלי=חיים.

1865 " די [ די קירכע ] ליגט איצט פון דער אינע-

ווייניקסטער זייט פון דער מויער, וואס לויפט א/1978

ארום דער שטאט און איז זייער באגרעבעניש-פלאץ.

קמ, נ' 11. ז' 170.

1840 " עס קומט מיר אבער אין זין אריין דאס פר גוזים

דיזר פלאץ איז אייך בגרעבניש אורט פון דיא העלפאנדן". 1981

1910 " פיל נאטירלעכע הייכן מיט פארגאלדעטע שפיצן, צווישן

וועלכע עס געפינט זיך זייער ארנטלעכע באגראבעניש 1968

פלעצער". איבז שפערלינג, |מחבר|, דיא קאראימישע

מיידכען, ווילנא, ז' 4.

1970 " וווייזט אויס, אז אין די יארן [ ביז 1885 ] האט

זלאטשעוו געגאלטן אלס א באגרעבעניש=צענטער |...|". 1975

א. פייבלוביץ, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 28.

בלעקערצן ווי אויף א באגרעבעניש - (שש, ביטול)

וועגן זינגען ווי א גלה אויף א קריסטלעכע לוויה.

א באגרעבעניש אויף דער מיט אזאך ארבעט" - ( קללה ) --

א וויסטער סוף זאל קומען פאר אזא פארטאטשנע ארבעט.

ם ביגרעבניש / בגרעב(ט)ניש.

------- 1.

1721 " זייני טעג [ דעם מענטשנס ] איז אז אייך שאטן דער

דא איבר פארט אונ' ער ווערט גבראכט צו דען בגרבטניש 1967

אונ' אויף איין הויפן ערד ווערט ער איילינג גיבראכט".

מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג, דף רח - 1.

------- 2.

1676 " אונ' ער ווערט אויף ווערין אויש אירם ביגרעבנש

1972 דיא טאַטן ווען די צייט ווערט זיי, אויש גראשן זייני גינאַדן". ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק יג.

באַגרעבער I -- דער, =ס. 1. דער מענטש וואָס פאַרנעמט זיך מיט באַגראָבן, מקבר זיין געשטאָרבענע אויף אַ בית=עלמין; קברות=מאַן, קברן.

[פל] " אַזוי ווי די מוטער איז געקומען צום בריק, זענען

1993 שוין די באַגרעבערס געגאַנגען צוריק".

1932 " די קאַלטבלוטיקייט פון אַ שמש, וואָס איז

1994 יאָרן לאַנג אויך אַ באַגרעבער, וואָס ווייסט, אַז פאַר מתים איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן". ייז, יאָשע קאַלב, ציט אנט, ז' 322.

1973 " ר' יעקב=מרדכין איז דורכגעלאָפן דער געדאַנק, אַז

1994/א קעקערס און באַגרעבערס זענען שטענדיק פאַרזאָרגט מיט פּרנסה". באַש, פאַר, VIII, 3.

2. ( פיג ) עמעץ וואָס טוט אָן צרות, פאַרשאַפט אומגליק, שלעכטס.

1922 " אָן אייגענער איז שטענדיק אַ באַגרעבער". ל. מלאך, אַפּפאַל, וואַרשע, ז' 157.

1995

3. ( פיג ) אין קאָרטנשפּיל דער וואָס געווינט כסדר" [קטוו].

4. (פיג, רעג, בעסאַראַביע, [redacted]) אַ גרויסער עסער,

1608 אַ פרעסער" [קטוו].

5. צונאָמען [אַ גראָדנער, גראָדנער צונעמענישן, יישפ, XI, 1951, ז' 59].

באַגרעבער II -- דער, =ס. אינסעקט, (NECROFORUS) (ווסב) ווערט אַזוי גערופן, ווייל ער לייגט זיינע אייעלעך אין פלייש פון נבלות און באַגראָבט עס אין דער ערד.

באַגרענעצונג -- די, =ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פון באַגרענעצן ( זיך).

1937 " אַזאַ באַוווסטזיין שליסט איין די

2006 דערקענונג על=פּי באַגרענעצונג אָן אונטערשייד".

איבן א. מעריסאָן, ה. ספּענסער, די ערשטע פּרינציפּן, ווילנע, ז׳ 78.

1970 " מיט באַלאַבאַנען האָט אים [ע. רינגלבלומען] פּאַראײניקט נישט בלויז די אַלײן =באַגרענעצונג 2008
אויסשליסלעך צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן [...]".
ר. מאַהלער, יזם סאַנץ, ת"א, ז׳ 646.

1970 " מיט די באַגרענעצונגען פון די שטחים איז אויך באַגרענעצט געוואָרן די מעגלעכקייט פון באַקומען 2007
שפּייז". בצרון, ז׳ 805 דמבראָווע, יזכּר סעפֿער, ז׳ 805

2. באַדינג ( נאָרמע, פאַראָרדענונג) וואָס רעדוצירט, לימיטירט אָדער שליסט אויס א טוּונג, דערשײנונג.
% געזעצלעכע, מאָראַלישע, ראַסן= באַגרענעצונגען.
טעכנישע באַגרענעצונג. מע האָט אַרײנגעפירט באַגרענעצונגען בײם אַרײנפאָר אין לאַנד.

1951 " די יידישע אינטעליגענציע איז געווען דער מאַטעריאַל פאַר פירערשאַפט ניט נאָר פאַר יידן, נאָר 2011
אויך פאַר דער ניט=יידישער וועלט, ניט געקוקט אויף אַלע [...] באַגרענעצונגען ~~...~~
פון אָפיציעלן און ניט=אָפיציעלן אַנטיסעמיטיזם".
ל. סאַוויטש, זב ליטע!, נ"י, ז׳ 1175.

1967 " אינעם יאָר 1867 [...] זײַנען אָפּגעשאַפט געוואָרן 2013
אַלע באַגרענעצונגען בנוגע יידן [אין גאַליציע]".
א. כאַמעט, יזכּר ס׳ זיכּרון קהילת רישא, ת"א, ז׳ 392.

באַגרענעצן (ד)

ב אַ ג ר ע נ ע צ ט -- פּאַדי/פּאַדוו פון באַגרענעצן.

1. פאַרמינערט, לימיטירט אין צאָל, פאַרנעם , ווערט, באַטײַט אאַז. אַרײַנגעפאַסט אין אַן ענגער(ער) ראַם, אין רעדוצירטע גרענעצן. % באַגרענעצטע מיטלען.
באַגרענעצטע מעגלעכקייטן. מע אײַלט זיך, ווײַל די צײַט איז א באַגרענעצטע ~~מיט~~ 13 2 שעה.

1927 " אין שפיטאל איז גאר געווען שלעכט, אפילו

2023 פאפירענע באנדאזשן און וואטע האט מען ארויסגעגעבן *

אין א באגרענעצטער צאל". ייד, שטאל און אייזן,

ווילנע, ז' 151 - 152.

1935 " [...] ער איז אבער גיך אריבערגעוואקסן די

2016 באגרענעצטע אינטערעסן פון דער דאזיקער פארטיי".

ליעב לוריע, א געוויינלעכ לעבן, מאסקווע, ז' 154.

1955 " דער אריינקום קיין ארץ-ישראל איז א באגרענעצטער".

2017 אפא, געטראכט [...], נ"י, ז' 142.

2. ( פיג ) וויניציק אינטעליגענט, מיט א שמאלן

גייסטיקן האריזאנט, % ער איז זייער באגרענעצטער

מענטש, לייענט ניט קיין צייטונג קיין בוך.

מיט דעם באגרענעצטן פארשוין איז ניטא וואס צו

דיסקוטירן.

3. ( מאט ) באגרענעצטע געצענטלטע ברוכטאלן.

באגרענעצטער טייל פון רוים ( געשפרייטז ) | סטוטש

54, 108 |.

באגרענעצטקייט -- די, בא. 1. פארמינערטע,

לימיטירטע אייגנשאפט פון עפעס.

... " פעלן אים [...] ניט אויס קיין אכטגעבונגען

2042 וועגן דער באגרענעצטקייט פון אונדזער קריטיק".

י. בערנשטיין, יבל II, 3.

1963 " [...] ווייזן נישט ארויס קיין נאציאנאלע

באגרענעצטקייט און אומטאלעראנץ". ש. ביקל,

טמז, III, 23.

2. מאנגל אין אינטעליגענץ, קנאפקייט פון וויסן,

שמאלקייט פון גייסטיקע האריזאנטן. % אין זיינע

מיינונגען זעט מען ארויס זיין באגרענעצטקייט,

זיין ארעמען גייסטיקן באגאזש.

1938" זיין קאמף אקעגן דעם שכל, אקעגן דעם וויסן [...]

באַג - 80.

2075 דאס איז באַגרענעצטקייט". קאר, שריפטן I, נ"י, ז' 70.

באַגרענעצן -- אַטרז. אריינגעמען עפעס אין באַשטימטע רעמען, ענגער מאכן, פארמינערן דורך געוויסע באַצוונגען.

1836 " די מעוברתע פרוי] דארף אויך בעגרעניצן
2054 אירע איין בילדונג ( דמיון + וועלכעס שטעלט איר
אפט פאר די קלענסטע קראנקייט פאר די געפערליכסטע".
מלכה בערלאנט, די גליקליכע מוטער, ווילנא, ז' 13.

באַם: כ'בין מספק אין דער דאטע - סיידן דער אויסשרייבער האט מאדערניזירט א ביסל די ארטאגראפיע און דעם סינטאקס.

1919 " |...| ווערט אבער מיין נאציאנאליזם באַגרינדעט
2052 אויף מיין שפראך און אויף דער קולטור אין מיין
שפראך, איז יעמאלט באַגרענעץ איך ניט קיינעמס
געדאנקען=פרייהייט". זשיט, שריפטן VIII, נ"י,
ז' 227.

1951 " דער קאמיט ארבעט אויס דעם 'סטאטוס ווענן ייך'
( 1804 ), וואס האלט פאר נייטיק צו [...] באַגרענעצן
2057 די טעטיקייט פון קהל אויף רעליגיעזע און פיסקאַלישע
ענינים". מ. ווישניצער, זב ליטע I, נ"י, ז' 76.

באַגרענעצן זיך -- 1. אריינפאסן זיך אין א מער רעדוצירטער, ענגערער רעם.

1959 " לויט אונדזער באגריף [...] קאן זיך דער
2070 רעאליזם ניט באַגרענעצן בלויז מיט דער אנאטאמיע
פון דער געזעלשאפט". שנ, קריטיק און קריטיקער,
ב"א, ז' 210.

1970 " ביי מיין פאטער האט זיך דאס ניט באַגרענעצט
2073 בלויז צו דער מאטעריעלער זייט פון לעבן, פרנסה".
י. כץ, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 115.

2. איינצוימען זיך, באַגנוגענען זיך, אויסקומען מיט וויניקער.

1915 " זיין הוצאה האט זיך באגרענעצט מיט דריי רובל

2072 א וואך, שוין אריינגערעכנט צדקה". אר, אמאליקע

מענטשן, ציט אויסג, אלע ווערק II, נ"י, 1930,

ז' 10.